# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת חקת תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 489



ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


# פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## די מצוה פון פרה איז עדות אויף די גאנצע תורה

"זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה" (יט ב)

די ענין פון די פרשה איז די מצוה פון פרה וואס איז מטהר טמאים, אויב אזוי פארוואס הייבט אן די תורה "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה", און נישט 'זאת חוקת הטהרה', אזוי ווי די תורה האט אנגעהויבן די פרשה פון פסח מיט "זֹאת חֻקַּת הַפָּסַח" (שמות יב מג)?

ערקלערט דער 'אור החיים' הקדוש:

מקיים זיין מצוות שכליות וואס האבן א טעם איז נישט קיין ראיה אויף דעם וואס מיר זענען משועבד צו מקיים זיין די מצוות פון די תורה, ווייל די גויים זענען אויך מקיים אזעלעכע מצוות. נאר מקיים זיין אזעלעכע מצוות וואס זענען בגדר 'חוק' בלי טעם, "דערציילט די ריכטיגע אמונה און דאס ווילן פון די נפש צו מקיים זיין אלע מצוות התורה". דערפאר האט די תורה אנגעהויבן פרשת פרה מיט "זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה", אונז צו לערנען אז דער וואס איז מקיים די מצוה פון פרה וואס האט נישט קיין טעם, ווייזט ער אויף זיין ווילן צו מקיים זיין אלע מצוות, און דערפאר רעכנט אים די תורה כאילו ער וואלט מקיים געווען בפועל די אלע מצוות.

מיט דער יסוד ערקלערט דער **'באר משה'** פון אוזורוב וואס מיר זאגן אין די חנוכה-טעג ביי די תפילה פון 'על הניסים': "כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך", דאס מיינט צו זאגן: מאכן פארגעסן די תורה איז אנגעהאנגען אין "להעבירם מחוקי רצונך". ווייל אויב וואלטן די יוונים חלילה מבטל געווען די אידן נאר פון צו טוהן אזעלעכע מצוות וואס זענען בבחי' "חוק", וואלט מען חלילה אנגעקומען צו "להשכיחם תורתך". ווייל ווי געזאגט מקיים זיין די מצוות התורה איז געבויעט אויף אמונה פשוטה, נאר ווייל אזוי האט דער באשעפער אוועקגעשטעלט.

'אור החיים'; 'באר משה' משפטים עמ' תשמו

## 'גזרה היא מלפני' – אקעגן די מקטרגים

"זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה ה' לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה" (יט ב)

רש"י טייטש (ע"פ תנחומא ח): "לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר: מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה 'חוקה' - גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה".

דארף מען פארשטיין: רש"י ברענגט דאך שפעטער אין נאמען פון מדרש א טעם אויף די מצוה, אז עס קומט מכפר זיין אויף חטא העגל, פארוואס ווערט עס גערעכנט פאר א 'חוקה'?

רבי פינחס הלוי הורוויץ בעל ה'הפלאה' זאגט:

דער שטן און די אומות העולם ווייסן אז דערמאנען די עבירות פון די אידן זענען מעורר אויף זיי א קטרוג. דערפאר ווילן זיי צוברענגען צער פאר די אידן דורך דעם וואס זיי טוהן אויספארשטן די טעם פון די מצוה פון פרה אדומה, כדי זיי זאלן ענטפערן אז עס קומט מכפר זיין אויפן עגל, און דורך דעם וועט דערמאנט ווערן זייער זינד און עס וועט נתעורר ווערן אויף זיי א קטרוג. וועגן דעם זאגט הקדוש ברוך הוא פאר די אידן: דערציילט נישט איר טעם, נאר ענטפערט זיי: "גזירה היא מלפני".

לויט דעם טייטש זיין אייניקל **רבי צבי יחזקאל מיכלזאהן** פלונסקער רב די סיבה פארוואס ביי די סדר פון די 'אבינו מלכנו' בעהטן מיר פריער: "כלה כל צר ומשטין מעלינו", און נאכדעם: "סתום פיות משטינינו ומקטרגנו", אויב עס וועט אנגענומען ווערן די ערשטע בקשה קען מען דאך נישט בעהטן אז זייער מויל זאל אויפהערן פון מקטרג זיין, זיי זענען דאך שוין נישטא? נאר די ערשטע בקשה איז אקעגן די אויסגערופענע משטינים און מקטרגים, אויף זיי בעהטן מיר זיי זאלן אינגאנצן פארלענד ווערן פון דער וועלט, אבער ביי די צווייטע - דאס איז אקעגן די אלע וואס קלוגן זיך און ווילן אריינציעהן די אידן מיט זייער צינג, כדי זיי זאלן אליינ'ס דערמאנען זייערע זינד, וואס אויף זיי בעהטן מיר אז זייער מויל זאל פארמאכט ווערן.

'פנים יפות'; שו"ת 'תירוש ויצהר' סי' קפא

# פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## בואו ונחשוב חשבונה של אמן

א וויכטיגער און אייביגער יסוד לערנט אונז די תורה אין אונזער פרשה.

נאך וואס די תורה שילדערט וויאזוי די אידן האבן זיך געשטארקט אויף סיחון מלך האמורי און איינגענומען זיין לאנד, שטייט (במדבר כא כז): "על כן יאמרו המושלים בואו חשבון תבנה ותכונן עיר סיחון". די חכמים (ב"ב עח ב) דרש'ענען אזוי דעם פסוק: "המושלים" ד.מ. צדיקים המושלים ביצרם, און וואס וועלן זיי זאגן? "'בואו חשבון' - בואו ונחשוב חשבונו של עולם!", לאמיר אויסרעכענען די פארדינסטן וואס מיר וועלן האבן אין עולם הבא פון יעדע מצוה, אקעגן די פארלוסט וואס מיר וועלן האבן פון יעדע עבירה. פירט אויס די גמרא: "אם אתה עושה כן, 'תִּבָּנֶה' - בעולם הזה, 'ותכונן' - בעולם הבא".

פון נאטור אויס זענען מיר געוואוינט זיך צו מתבונן אויף דער וועלט און אפמאכן לויט וואס אונזער אויג זעהט. א קוק וואס איז געווענליך א קורצע בליק. מיטן רוף: "בואו ונחשוב חשבונו של עולם" זענען די חז"ל מעורר מיר זאלן קוקן מיט א ריכטיגע בליק, וואס כאטש עס נעמט אריין אין זיך די הווה, איז עס קאנצענטרירט אין דער צוקונפט.

אויב מען וועט אונז פארציילן אויף א באנק וואס אויף יעדע דאללער וואס מען לייגט אריין באקומט מען א זאק דיאמאנטן - ווען מיר זיכער נישט גלייבן! אבער דער אמת איז אז אין הימל איז דא א 'ריזן באנק' וואס ארבעט אזוי; פארן ארייגלייגן אזאך וואס זעהט אויס אין אונזערע גשמיות'דיגע אויגן ווי א קלייניקייט - 'סך הכל' א קליינע באוועגונג, א פשוטע ווארט - איז מען זוכה צו געוואלדיגע פארדינסן.

דאס איז "חשבונו של עולם"! דאס איז די חשבון פון ענטפערן 'אמן' וואס אונזערע חכמים און קדמונים האבן אזוי שטארק דערהויבן איר גרויסקייט און הייליגקייט, און האבן געשילדערט די געוואלדיגע שכר וואס מען קען זוכה זיין אדאנק דעם. און טאקע אזוי, די ווערד פון אמן קען מען נישט אויסרעכענען מיט א גשמיות'דיגן חשבון, נאר לויט די חשבון פון הקב"ה!

דער וואס איז זוכה זיך באהעפטן צו ענטפערן אמן, האט אויפגעוויזן אז ער געהערט צו די 'מושלים' וואס רעכענען ריכטיג די חשבון פון דער וועלט, און פארשטייען אז אויב חז"ל זאגן אז ענטפערן אמן איז דער מקור פון שפע אויף דער וועלט, און האבן אויך צוגעזאגט אויף דעם אזעלעכע גרויסע הבטחות: עפענען די טויערן, צורייסן די שלעכטן אורטייל, אריכות ימים ושנים בטובה, און נאך א.ד.ג., דארף מען געבן אויף דעם דעם ריכטיגן געוויכט.

דער וואס גלייבט אין 'חשבונו של עולם' און ווייסט אז מיט די הבל פון זיין מויל, מיט א קליינע ריר, קען מען מקיים זיין א פולע האפן פון מצוות און פארדינען נצח נצחים, וועט זיכער נישט גרינגשעצן אין די מצוה!

דאס איז א דערמאנונג, יעצט איז די געלעגנהייט: לאמיר אלע גערעכנט ווערן צווישן די וואס זענען מחשב חשבונו של עולם, לאמיר מקפיד זיין ענטפערן אמן און זוכה זיין צו 'תבנה בעולם הזה ותכונן בעולם הבא', אמן ואמן.

**מיט א רוף "בואו ונחשוב חשבונו של עולם"**
**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# די סוד פון די צווייטע צוואה

די פאלגנדע מעשה איז דערציילט געווארן דורך איינער פון די גרעסטע פוסקים פון אונזער דור, דער גרויסער גאון רבי משה שאול קליין שליט"א, און עס אנטהאלט אין זיך א שטארקער און חשובער לערנונג, וואס אין די בחי' פון 'והחי יתן אל לבו' האט עס א מעגליכקייט צו שטארקן יעדן איד אין איינע פון די דריי עמודים אויף וועלכע דער וועלט שטייט, דאס איז דער עמוד התפילה.

די ידיעה וועגן ר' צבי הירש'ס פטירה האט דערשטוינט זיין גאנצע משפחה און אלע פריינד. טראץ זיין טיפן עלטער, איז ר' צבי הירש געווען אן אקטיוויער און לעבעדיגער איד וואס אסאך האבן פון אים נהנה געווען עצה ותושיה, און די ידיעה איבער זיין פלוצימדיגער פטירה האט אלעמען געטראפן ווי א דונער אין א העלן טאג.

אסאך זענען נאכגעגאנגען נאך זיין מיטה, און נישט אומזיסט, ווייל אלע האבן אים געקענט און ליב געהאט. ר' צבי הירש איז געווען דער לעבעדיגער גייסט אין יעדע דבר שבקדושה. שטענדיג זענען זיינע געדאנקען געווען צו פארשטארקן די אלע רוחניות'דיגע ענינים, וואס עס האט אויסגעפעלט. זיין מוח האט כסדר געטראכט פון נייע געדאנקען, אזעלכע וואס זאלן באגייסטערן דעם ציבור צו פארמערן תורה און יראת שמים.

זיין פריינטליכע געזוכט איז געווען באליבט ביי אלע וואס האבן אים געקענט. זיין זעלטענע פערזענליכקייט איז געווען צוזאמגעשטעלט פון א פעסטן און קלארן השקפה צוזאמען מיט איידלקייט, און צוליב דעם, כאטש זיין עבודת הקודש האט טיילמאל אנגערירט ווייטאגע טעמעס, דאך איז עס אנגענומען געווארן אן צו ערוועקן א נאטורליכע קעגנערשאפט.

ר' צבי הירש איז געווען באשאנקען מיט רייכע שפראך; אין זיינע שמועסן מיט די יונגעלייט האט ער געוואוסט ווי אזוי צו ערקלערן זיינע געדאנקען און נוצן די פאסיגסטע ווערטער, די וואס וועלן ציען די הערצער צו דער פאזיטיווע ריכטונג. פון דער אנדערער זייט אין זיינע שמועסן מיט די עלטערע האט ער גענוצט מאמרי חז"ל וואס זענען געווען געוואוינט אויף זיין צינג, דורך זיי האט ער אויפגעוועקט פארלאשענע און שלאפנדע געפילן אויף די נושא וואס ער האט געזוכט צו מחזק זיין.

די נושא וואס איז געווען באזונדער באליבט ביי רבי צבי הירש'ן איז געווען די נושא פון דאווענען. אין יעדן מצב וואס איז אים אונטערגעקומען, האט ער פרובירט אויפמערקן איבער די חוב צו מקיים זיין די מצוה פון תפילה ווי עס דארף צו זיין, און זיינע ווערטער האבן אסאך אויפגעטוהן.

ביי זיין פטירה האבן אלע גערעדט וועגן זיין ספעציעלע צוואה. ניין, נישט די צוואה וואס א טייל פון דעם האט מען אויפגעליינט ביי דער לויה, נאר דאס וואס מען האט נישט אויפגעליינט. עס זענען געווען קראנטע שמועות אז ר' צבי הירש האט געשריבן נאך א צוואה וואס ער האט באהאלטן, און איז באקאנט געווען נאר פאר איין מענטש, א מענטש וואס איז אים געווען ביי אים זייער פארלעסליך, און ער האט שטארק אנגעזאגט עס נישט עפענען ביז א יאר נאך זיין פטירה.

זיינע קינדער, וועלכע זענען געווען זייער נייגעריג צו וויסן וואס איז דער מעסעדזש וואס זייער פאטער האט זיי איבערגעלאזט, האבן געמוזט ווארטן מיט געדולד ביז עס איז אדורך א יאר פון זיין פטירה, ווען דעמאלטס וועלן זיי קענען באקומען צוטריט צו דעם אינטערעסאנטן צוואה, און ענדליך וועט אויפגעדעקט ווערן די מיסטעריע וואס האט אויפגערודערט זייער רו א גאנץ יאר.

אינצווישן, זענען ארומגעלאפן נישט ווייניג ספעקולאציעס וועגן די צוואה. די שמועות זענען געווען פון אן אומבאקאנטן פארמעגן וואס דער טאטע האט ערגעץ וואו איינגעקויפט מיט עטליכע צענדליגער יארן צוריק, און אין דער טאג וואס זיי וועלן זיך דערוויסן פון דעם וועלן זיי האבן פון דעם גרויסע פארדינסטן, ביז א שמועה וואס איז געווען פארבינדן צו די אפשטאם פון די משפחה.

עטליכע האבן גע'טענה'עט מיט א פעסטקייט, אז עס זעהט אויס אז דער טאטע וויל זיכער מעורר זיין זיינע קינדער אין איינעם פון די טעמעס וואס זענען געליגן נאענט צו הארצן און אויף דעם האט ער געארבעט צו מחזק זיין בשעת זיין לעבן צווישן זיינע משפחה און באקאנטע. ווי עס זאל נאר זיין, האט מען געמוזט ווארטן מיט געדולד ביז דער מאמענט קומט אן און מען וועט עפענען די צוואה, און דעמאלט וועט מען ענטשיידן די מיסטעריע.

א יאר איז אדורך זינט דעם פאטער'ס פטירה, ווען זיינע קינדער היטן אלע הלכות און מנהגי אבילות און טוהן אלעס לטובת די נשמה פון זייער פאטער, סיי מיטן צוגיין אלס שליחי ציבור אין אלע דריי תפילות, וואס צוליב דעם האבן זיי זיך צוגעוואוינט צו קומען צו דאווענען פרי כדי זיי זאלן קענען צוגיין צום עמוד אין צייט, און סיי מיטן לערנען וועכנטליך משניות אין די גאנצע יאר פון די אבילות וואס די ברידער אינאיינעם האבן געענדיגט לערנען גאנץ ש"ס משניות לעילוי נשמת פון זייער גרויסן פאטער.




אין די ענדע פון די יאר, נאכדעם וואס די פאמיליע מיטגלידער זענען ווי געווענליך ארויפגעגאנגען צום קבר, איז פארגעקומען א גרויסע סיום משניות מיט די באטייליגונג פון אלע קינדער און אייניקלעך און קרובים פון ר' צבי הירש. די התרגשות איז געשטיגן, סיי צוליב דער עצם מעמד אין וועלכער עס איז ארויפגעברענגט געווארן דעם אומפארגעסליכן זכרון פון זייער גרויסער פאטער, סיי צוליב דעם סיום הש"ס וואס איז פארגעקומען, סיי צוליב די מעלדונג אז יעצט וועט מען זיך דערוויסן די באדייט פון די באהאלטענע צוואה.

אין די באשטימטע צייט האבן זיך פארזאמלט אלע קרובים פון רבי צבי הירש און זענען געקומען צו די סעודת מצוה וואס איז פארגעקומען אין א באזונדערן זאל. ביי די קלימאקס פון דער געשעעניש, איז צוגערופן צו די בימה יענער געטרייער איד, וועלכער האט דורכאויס די יאר שטרענג געהיטן אויף די צוואה וואס ער האט באקומען פון רבי צבי הירש זצ"ל. דער מענטש האט געהאלטן אין האנט א קליינע קאנווערט, וואס האט נאר פארשטארקט די מיסטעריע, אז אלע אויגן זענען געווען געוואנדן צו אים, אויך די אויערן זענען געווען אנגעשפיצט צו הערן זיינע ווערטער.

מיט א הייליגן ציטער האט דער מענטש געעפנט דעם קאנווערט, און צו אלעמענ'ס איבערראשונג איז דערפון ארױסגעפאלן א קליינע צעטל. אלע זענען געווען פאראינטערעסירט צו הערן וואס עס שטייט דערין, עס ווייזט זיך אויס, אז די צוואה האט ענהאלטן אין זיך בלויז צוויי זאצן:

"מיינע טייערע קינדער, נאך א יאר וואס איך האט געדאוונט פארן עמוד, האט איך געהאט די זכיה צו פילן די ספעציעלע געפיל פון א תפילה וואס ווערט געזאגט בשלימות, פון 'מה טובו' ביז נאך 'עלינו', אן א הפסקה. איך בעט אייך, ביטע, ווייטער ממשיך זיין אויך נאך די ענדע פון די יאר, ביז צום סוף פון אייער לעבן מאכט זיכער צו קומען אין צייט צום דאווענען און בלייבן אין שוהל ביז די ענדע".

דער פאראנטווארטליכער האט געענדיגט פארליינען די צוואה און א שטילקייט האט געהערשט אין זאל. יא, עס זעהט אויס, אז זייער הויכגעשעצטער פאטער האט מיט זיין חכמה גענוצט אויסצונוצן די דאזיגע מאמענטן, כדי זיי צו ערוועקן און מחזק זיין די זאכן וואס זענען עומדים ברומו של עולם, און בעהטן זיי זאלן פארזעצן מיט די פארלאנגטע חיזוק אויך נאכן ענדיגן די תקופה אין וועלכע זיי זענען געווען מחויב צוליב די יאר פון די אבילות.

די געשעעניש האט זיך געענדיגט, אבער איר צייכן איז אויסגעקריצט געווארן אין די הערצער פון אלע באטייליגטע אויף אייביג. דער אנזאג, וואס דער גרויסער נפטר האט געוואלט עס זאל בלייבן, וועלן די באטייליגטע נישט פארגעסן ביז צום סוף פון זייער לעבן, און ווי איינער פון די קינדער פון נפטר האט עס געגעוי ארויסגעברענגט:

"דאווענען האט א אנהייב און א ענדע. א תפילה וואס מען קומט צו דעם שפעט אדער מען גייט אוועק איידער עס ענדיגט זיך איז א פעלערדיגע תפילה. פשוטו כמשמעו".

'לרומם' עמ' 565

# דועי אמונים

פון די ווערטער פון אונזערע
רבי'ס איך ענטפערן אמן



הגה"צ רבי גמליאל רבינוביץ שליט"א
מראשי ישיבת שער השמים

## די מעלה פון די מצוה פון ענטפערן אמן

### זיך לערנען פון מלחמת היצר

אין אסאך ערטער רעדן חז"ל זייער גרויס פון די מעלה פון דער וואס ענטפערט אמן און פון זיין גרויסע שכר. די התבוננות אין די מאמרים ערוועקט אונז מיר זאלן אריינגעמען אין זיך ווי ווייט איז די חיוב וואס ליגט אויף אונז זיך מחזק זיין אין ענטפערן אמן מיט כוונה און אויפן קול - בכל כוחו.

דער וואס טראכט אריין וועט קלאר זעהן אז דער יצר הרע פירט א באזונדערע מלחמה כדי צו מכשיל זיין דעם מענטש און אים פארמיידן פון ענטפערן 'אמן'. אויף יעדן אמן איז פלאנירט א גאנצע שלאכט, און דער מענטש דארף דאס וויסן און פרובירן מיט אלע כוחות נישט צו פארלירן איין אמן.

אין דער אמת'ן, דאס עצם השתדלות פון דער יצר הרע צו פארמיידן דעם מענטש פון צו זוכה זיין צו ענטפערן אמן, לערנט אונז די געוואלדיגע מעלה פון די מצוה, ווייל אזוי האבן די חכמים אונז געלערנט: ווען א מענטש זעט אז דער יצר הרע אינוועסטירט אסאך מי אפהאלטן פון אים א געוויסע זאך, דעמאלט זאל ער דערפון פארשטיין ווי חשוב עס איז, און באזונדער זיך משתדל זיין זיך צו מחזק זיין אין דעם ענין. צדיקים האבן געזאגט אז דאס איז די כוונה פון די ווערטער פון משה זאגנדיג פאר פרעה (שמות י כו): "וגם מקננו ילך עמנו לא תשאר פרסה כי ממנו נקח לעבוד את ה' אלקינו"; פון דיין עקשנות אז די שאף זאלן בלייבן אין מצרים, פארשטיין מיר ווי חשוב איז זיי זאלן יא מיטקומען מיט אונז כדי "לעבוד את ה' אלקינו".

### עס לוינט צו לעבן צוליב איין ענטפערן אמן

איבער די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן וועט זיין עדות די קומענדיגע ערציילונג: א באוואוסטער דאקטאר וואס האט געוואוינט אין אמעריקע האט איין טאג באשלאסן תשובה טוהן. איין טאג האט ער דערציילט די סיבה וואס האט צוגעברענגט דעם טויש אין זיין לעבן: "עס איז געקומען צו מיר פאר א באהאנדלונג א קריטיש-קראנקער וואס זיין צושטאנד איז געווען זייער נישט גוט, און זיינע יסורים איז געווען אומדערטרעגליך. דער פאציענט האט מיך געבעטן אדורכצופירן טעסטס, און זאגן זיין דיאגנאז. די טעסטס זענען אינגאנצן נישט געווען קיין פרייליכע, זיי האבן געוויזן אז זיין סוף איז נאענט און אפילו א עמערדזשענסי כירורגיע וועט פארלענגערן זיין לעבן נאר מיט א האלבע יאר. ווען דער איד האט געהערט די דעטאלן, האט ער מיך געבעטן אים צו באגלייטן צו זיין גרויסן רבי'ן הגאון רבי משה פיינשטיין, וואס זאל אים פסק'נען וואס צו טוהן.

איך האב געטון וואס ער האט געבעטן, רבי משה האט גוט צוגעהערט צו דיביידע זייטן פון די שאלה און גע'פסק'נט אז מען זאל יא אפערירן! ווען רבי משה פיינשטיין האט געזעהן אז איך בין איבערראשט פון זיין פעסטקייט און באשלוס, האט ער מיר ערקלערט: אין לויף פון די איבעריגע מאנאטן וואס דער חולה וועט לעבן, וועט ער קענען זאגן נאך אסאך אמן'ס אויף אלע ברכות וואס ער וועט הערן, און וועגן דעם פאקט איז ווערד אלעס צו ליידן. די שטארקייט מיט וועלכער דער רב האט געזאגט זיינע ווערטער, די פעסטקייט און התלהבות זענען דורכגעלאפן אין מיר, האב איך געמאכט א חשבון הנפש און באשלאסן צו תשובה טוהן.

אין דער ענין דארף מען דערמאנען די מאמר חכמים (ברכות מז א): "כל המאריך באמן מאריכים לו ימיו ושנותיו". און איך קען עדות זאגן אז מיין טאטע זצ"ל האט זייער אכטונג געגעבן זיך משתדל זיין צו ענטפערן הויעך אמן. אויך ווען ער איז געווען א זקן מופלג האט זיך געהערט זיין שטימע אין בית המדרש ביים ענטפערן אמן מיט א שטארקע שטימע העכער פון אלע מתפללים. און די זכות איז אים בייגעשטאנען ער זאלן זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים טובות.

### שכר פון ענטפערן אמן איז צעהן זהובים

די חכמים זאגן (חולין פז א) אז די שכר פון יעדע ברכה איז צעהן זהובים, דערפאר דער וואס כאפט אוועק א ברכה פון זיין חבר דארף אים באצאלן די סומע פון צעהן זהובים (וכך נפסק בשו"ע חו"מ שפב א).

רבינו תם איז מחדש (תוספות ב"ק צא ב ד"ה וחייבו) אז ווייל די חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך", דער שכר פון דער עונה אמן אויף א ברכה איז לכל הפחות ווי דער מברך, קומט אויס אז דער שכר פון יעדע אמן איז צעהן זהובים צום ווייניגסטנס. וועגן דעם פסק'נט ער אז אויב מען האט איינעם אויפגערופן צו די תורה און אן אנדערער איז צוגעגאנגען, דארף ער נישט דער צווייטער באצאלן פאר דער וואס האט געדארפט עולה זיין. ווייל דער וואס מען האט אים אויפגערופן וואלט געקענט ענטפערן אמן נאך די ברכות פון דער וואס האט עולה געווען אנשטאט אים, און דורך דעם וואלט ער נישט דערלייגט די שכר פון די צעהן זהובים וואס זענען גע'גזל'ט געווארן פון אים.

דער 'שיטה מקובצת' (ב"ק שם) ברענגט אז עס זענען דא וואס האלטן אז די סומע פון צעהן זהובים איז נישט אלס 'קנס' נאר 'מדין ממון'. לויט דעם קומט אויס אז דער וואס שטערט זיין חבר צו ענטפערן אמן אויף א ברכה, איז א ריכטיגער גזלן. ווייל ער גזל'ט פון אים אזאך וואס איז ווערד א ריזן סומע, ווייל די ווערד פון צעהן זהובים איז צוויי הונדערט און פופציג זוז, א סומע וואס אין די תקופה פון די גמרא האט א מענטש געקענט פון דעם זיך שפייזן מער ווי א יאר צייט (ראה פאה ח ח ורע"ב שם).

אין דעם ענין איז פאסיג אראפברענגען די וואונדערליכע רייד פון מרן ה'חתם סופר' אין די סוגיא. לכאורה איז שווער פון וואו האבן די חכמים געוואוסט צו שאצן אז די שכר פון יעדע מצוה איז נאר צעהן זהובים, איז דען דא א גרעניץ אויף שכר מצוה, שלמה המלך זאגט דאך (משלי ח יא): "וכל חפצים לא ישוו בה"? ערקלערט דער 'חתם סופר' אז דער שכר פון צעהן זהובים איז נישט די ווערד פון די מצוה, נאר עס קומט פארגיטיגן אויף די צער פון נישט קענען מקיים זיין די מצוה.

יא! ווער עס האט דערלייגט צו ענטפערן אמן, אפילו נאר איינמאל דאריף פילן א ריכטיגע צער אויף די פארלוסט. און איך האב טאקע אזוי געהערט אויף הרה"צ רבי זלמן בריזל זצ"ל, איינמאל האט איינער פון זיין משפחה געזאגט שטיל א ברכה, אן מען זאל קענען ענטפערן אמן אויף זיין ברכה, איז באלד צוגעגאנגען צו אים ר' זלמן און געזאגט מיט ווייטאג: יעצט האסטו מיר שאדן געמאכט די סומע פון א מיליאן דאללער! ווייל דו האסט פון מיר גע'גזל'ט די זכות פון ענטפערן 'אמן'.

### ביי חזרת הש"ץ האבן די חיצונים נישט קיין אחיזה

אין דער ענין דארף מען מעורר זיין אויף די געוואלדיגע חיוב פון צוהערן צום ש"ץ ביי די הויכע שמו"ע, אויסהערן יעדע ווארט און מקפיד זיין ענטפערן אמן מיט כוונה. דער אר"י הק' האט געזאגט אז ביי די שטילע שמו"ע האבן די חיצונים א אחיזה, אנדערש איז ווען דער שליח ציבור דאוונט איבער. און רבי חיים וויטאל זאגט עדות אז דער אר"י הק' פלעגט שטיין ביי די הויכע שמו"ע מיט פארמאכטע אויגן און אינזין האבן צו יעדע ווארט.

עס רעדט זיך נישט פון סתם א חומרא. דער רמ"א (או"ח קכד ד) ברענגט: 'יש אומרים שכל העם יעמדו כשחוזר הש"ץ התפלה'. ערקלערט דער 'משנה ברורה' (ס"ק כ) ווייל מיר זאגן שומע כעונה, ווערט עס גערעכנט ווי זיי וואלטן אליין געדאוונט, און ווען דער מענטש דאוונט שמונה עשרה דארף ער שטיין.

ווען מיין טאטע זצ"ל איז געווען אין שפיטאל, איז ער געווען דער עלטסטער אין די דארטיגע שוהל, פון דעסטוועגן איז ער געווען דער איינציגסטער וואס איז געשטאנען ביי די הויכע שמו"ע און האט געענטפערט אמן אויפן קול, ווייל ער האט געוואוסט די חשיבות פון דער זאך, און ווייל ער האט מחבב געווען די מצוות.

די הויכע שמו"ע איז נישט געגעבן געווארן כדי עס זאל זיין צייט צו לייגן רבינו תם - תפילין, און זיכער נישט צו לייענען גליונות חלילה, נאר עס איז א חיוב צו הערן יעדע ווארט פון די הויכע שמו"ע און ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה.

איך האב געזען איינער וואס האט געדארפט ארויסגיין חול המועד סוכות אינמיטן דאווענען, און ער האט אויסדערוועלט ארויסגיין ביי חזרת הש"ץ, כדי ער זאל נישט דארפן ארויסגיין ביי די הושענות. נאכן דאווענען האב איך אים געזאגט: זאגן די הושענות איז נאר א מנהג, פון די אנדערערע זייט חזרת הש"ץ איז א ריכטיגער חיוב.

לאמיר מקפיד זיין ענטפערן אמן ווי די הלכה אויף ברכות און קדישים און מיר וועלן זוכה זיין עס זאל מקויים ווערן די הבטחות וואס די חכמים האבן צוגעזאגט פאר די וואס זענען מקפיד צו ענטפערן ענטפערן אמן כדת וכהלכה.

# אוצרות אמונים

## דער חיוב פון השתדלות ביים ענטפערן אמן

### כדי מען זאל געדענקן ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין

רבי רפאל ברוך טולידנו דער רב פון מקנאס איז באקאנט געווען אין זיין געוואלדיגע הקפדה אויף ענטפערן אמן. איינמאל ווען אים איז אויסגעקומען דאווענען אין א געוויסע שוהל אין בני ברק, האט דער רב באמערקט אז א טייל פון די מתפללים ענטפערן נישט אמן אויף די ברכות פון די הויכע שמו"ע ווי די הלכה איז, נאכן דאווענען איז ער ארויפגעקראכן אויף א באנק, און פון די הייעך האט ער מוסר געזאגט פארן ציבור אויף דעם וואס זיי געבן נישט אכטונג צו ענטפערן אמן. אויף די פראגע פון זיין אייניקל פארוואס ער האט נישט אכטונג געגעבן אויף זיין כבוד, האט ער געענטפערט: "איך האב דאך געוואלט זיי זאלן געדענקען מיינע ווערטער, און ווייל די חכמים זאגן (חולין עה ב) אז יעדע מאדנע זאך געדענקען עס מענטשן, פארוואס זאל איך אכטונג געבן אויף מיין כבוד און נישט אויף די כבוד פונעם באשעפער?!" ('מקבציאל' גיליון לג עמ' תקלט).

### די כהנים בדוכנם וועגן ענטפערן אמן

דער קאוונער רב רבי יצחק אלחנן ספעקטור פלעגט זארגן אויף די אויפפירונג פון זיין דור, און פון צייט צו צייט פלעגט ער רעדן ברבים צו מחזק זיין פארשידענע טעמעס וואס זענען ארויף אויפן סדר היום. אין יאר תרמ"ח האט ער ארויסגעגעבן א ספעציעלע רוף פאר די כהנים וואס האבן ווי דער מנהג אין חוץ לארץ גע'דוכנ'ט נאר ימים טובים, און האט געמאכט א ספעציעלע תקנה כדי נישט צו ברענגען א גרינגשעצונג אין ענטפערן אמן, אלס רעזולטאט פון די מצוה, און אזוי האט ער געשריבן:

"עס איז פאר אלעמען באקאנט, די געוואלדיגע ווארענונג פון חז"ל און די ספרים הקדושים אויף די מצוה פון זאגן אמן יהא שמיה רבא און אמן, און פארקערט ח"ו אין די הארבקייט פון דער וואס איז זיי מבטל. און אט זעהן מיר אין די ימים הנוראים און ימים טובים, ווען די כהנים גייען ארויף דוכנ'ען, גייען זיי צוריק בעפאר דער ש"ץ ענדיגט די קדיש נאך די שמו"ע, און דער צבור זאגט יישר כח און באדאנקט זיך פאר זיי אויף די ברכה, און דאס אלעס אינמיטן וואס דער ש"ץ זאגט די קדיש און דורך דעם זאגן זיי נישט אמן יהא שמיה רבא, און אמן נאך די קדיש.

דערפאר בעהט איך פון די כהנים, זאלן זיך נישט איילן צוריקגיין נאכן דוכנ'ען ביז נאך דער ש"ץ ענדיגט די קדיש נאך די הויכע שמו"ע, און זאלן ח"ו נישט צוברענגען א מכשול פארן ציבור, און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין צו זעהן די כהנים קערן זיך צוריק צו זייער עבודה במהרה בימינו אמן" ('תשובות רבנו יצחק אלחנן' סי' ג).

# רזי אמונים

## רמזי אמן און דפרשה

### אמן נאך די ברכה 'מחיה מתים'

"וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן יַעַן לֹא הֶאֱמַנְתֶּם בִּי לְהַקְדִּישֵׁנִי לְעֵינֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לָכֵן לֹא תָבִיאוּ אֶת הַקָּהָל הַזֶּה אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לָהֶם" (כ יב)

דער פריערדיגער מוכיח **רבי משה כהנא מגיביטש** בעל 'דרך משה' האט אסאך מוסר געזאגט פאר זיינע צוהערהער אויף די חוב פון זיין געווארנט צו ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה. באזונדער האט ער אנגעווארנט אויף צוויי אמנים, וואס טראץ זייער געוואלדיגע מעלה, זענען אסאך מזלזל אין זיי אן צו וויסן, און דאס זענען: 'אמן' נאך די ברכה 'המחזיר שכינתו לציון' - ווייל דער ציבור איילט זיך צו זאגן 'מודים דרבנן', און 'אמן' נאך די ברכה 'הפורש סוכת שלום... ועל ירושלים' וואס ווערט געזאגט שבת-ביינאכט - ווייל דער ציבור יאגט זיך צו זאגן באלד 'ושמרו' ('דרך משה' ליום יא). אין זיינע ווערטער דערציילט ער אויף א חסיד וואס האט געוואלט וויסן פארוואס די גלות איז אזוי לאנג, און נאכן פאסטן אויף דעם האט מען אים געענטפערט מן השמים: "וויאזוי זאל קומען די גאולה ווען דער וועלט געבט נישט אכטונג ענטפערן אמן אויף די ברכות וואס זענען אויף די גאולה העתידה - 'המחזיר שכינתו לציון' און 'הפורש סוכת שלום' און דאס ענטפערן אמן נאך זיי ברענגט ארויס די ריכטיגע אמונה אין די גאולה".

אין 'ספר הפנים' (אות מז) לייגט ער צו נאך א 'אמן' וואס דאס נישט ענטפערן האלט צוריק די גאולה, און דאס איז די אמן נאך די ברכה 'מחיה המתים', וואס אסאך הייבן אן באלד זאגן 'קדושה' און פארגעסן עס ענטפערן.

דורשי רשומות האבן געזאגט אז די חוב פון זיין געווארנט צו ענטפערן אמן נאך די ברכה "מחיה מתים" איז מרומז אין דער פסוק; די סופי תיבות: "יַעַן לֹא הֶאֱמַנְתֶּם" איז אמן, און דער פסוק זאגט ווייטער: "יַעַן לֹא הֶאֱמַנְתֶּם בִּי לְהַקְדִּישֵׁנִי" - ווייל ענק האבן נישט אכטונג געגעבן צו ענטפערן אמן ביי די ברכה "מחיה מתים" וואס איז נאנט צו קדושה, "**לָכֵן לֹא תָבִיאוּ אֶת הַקָּהָל הַזֶּה אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לָהֶם**" - האלט זיך אויף די גאולה השלימה.

'תורה מסיני'

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



צאנז קלויזענבורגער רבי בעל 'שפע חיים' זצ"ל

### דער 'שפע חיים'

### ט' תמוז תשנ"ד

רבי יקותיאל יהודה האלברשטאם פון צאנז-קלויזענבורג איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי צבי הירש האלברשטאם פון רודניק, א אייניקל פונעם 'דברי חיים' פון צאנז, און צו זיין מוטער הרבנית חיה מינדל וואס איז געווען א אייניקל פון 'בני יששכר'.

נאך אין זיין יוגנט איז ער באקאנט געווארן אלס א עילוי און ביי די בר מצוה האט ער זיך געשטעלט צום פארהער אויף גאנץ ש"ס. אין עלטער פון פערצן יאר איז ער פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין פאטער, וואס פון אים האט ער געלערנט דער יסוד און דער עיקר פון זיין תורה. אין יענע יאר האט ער באקומען סמיכה אויף הוראה דורך די גאונים פון זיין דור, רבי מאיר אריק א.נ...

ער האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פונעם סיגעטער רב בעל 'עצי חיים'. אין די ביטערע יארן איז ער מיט זיין פאמיליע פארשיקט געווארן קיין אושוויץ, זיין רעביצין מיט די עלף קינדער זענען גע'הרג'עט געווארן. נאר ער איז איבערגעבליבן ביים לעבן.

באלד נאך די מלחמה האט ער אנגעהויבן אויפשטעלן מוסדות התורה אין די לאגערן פון די פליטים. נאכדעם איז ער אנגעקומען קיין אמעריקע וואו דארט האט ער אויפגעשטעלט אידישקייט און איבערגעגעבן שיעורים אין די ישיבה וואס ער האט אויפגעשטעלט. צום צווייטן מאל האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון רבי שמואל דוד אונגאר - אב"ד נייטרא, און עס זענען געבוירן געווארן זיבן קינדער.

אין יאר תשט"ו האט ער צום ערשטן מאל באזוכט אין ארץ ישראל און האט באשלאסן צו גרינדן א חסידישע שטעטל, און אייגנארטיגע מוסדות תורה וחסד. זיינע דברי תורה זענען געדרוקט געווארן אין די סעריע ספרי 'שפע חיים' על התורה און מועדים, און אין די זיבן בענדער שו"ת 'דברי יציב'.

ארום חצות שבת קודש ביינאכט פרשת חוקת ט' תמוז תשנ"ד איז דער רבי נסתלק געווארן, און זונטאג איז ער באערדיגט געווארן אין די בית החיים אין די שטאט נתניה חלקת צאנז.

### ברכות השחר אין שוהל צוזאמען

אין זיין שיעור חומש רש"י פרשת חוקת-בלק תשל"ט האט דער בעל 'שפע חיים' פון צאנז מעורר געווען אויף זאגן ברכות השחר בצוותא חדא אין שוהל, און אזוי האט ער געזאגט:

"איך האב שוין געזאגט עטליכע מאל, מען זאל מחזיר זיין עטרה ליושנה, און איינפירן אין אונזערע שוהלן דעם סדר התפלה מיטן ש"ץ אזויווי עס איז דער מנהג געווען אין די פריערדיגע יארן, ביי יעדע מנין האט מען אנגעהויבן מיט ברכות השחר, צום ערשט זאל דער ש"ץ זאגן די ברכות און דערנאך יעדער פאר זיך. און א ירא שמים זאל זיך משתדל צו הערן [די ברכות השחר] פון נאך עטליכע מענטשן כדי צו ענטפערן נאך זיי 'ברוך הוא וברוך שמו' און 'אמן'. ביי מיין הייליגן צאנזער זיידע זי"ע איז געווען א קביעות'דיגן מנהג, אז איינער - און אמאל האט געקענט זיין אז צוויי - פון די קינדער האבן געזאגט פאר אים די ברכות השחר, צי זיינע הייליגע קינדער אין זייער יוגנט, צי זיינע אייניקלעך, צי א פרעמד קינד" ('שפע חיים' תורה ומועדים חלק יח עמ' שנה).